**דײַן רעכט צו ניצן נאַציאָנאלע מינאָריטעטס־שפּראַכן**

געהערסטו צו איינער פֿון די נאַציאָנאלע מינאָריטעטן האָסטו אַ רעכט צו ניצן דײַן שפּראַך ווען דו ביסט אין קאָנטאַקט מיט די מאַכטאָרגאַנען. דאָ וועסטו וויסן וועלכער רעכט דו האָסט בנוגע דײַן שפּראַך און וועלכע פֿאָדערונגען דו קענסט שטעלן אויף דײַנער קאָמונע און אויף אַנדערע אינסטאַנצן.

דעם 1ן יאַנואַר 2010 איז געקומען אַ נײַ געזעץ וועגן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און מינאָריטעטס־שפּראַכן. אַלס נאַציאַנאַלע מינאָריטעטן ווערן גערעכענט ייִדן, ראָמען, סאמען, שוועדישע פינען און טאָרנעדאַלער. די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטס־שפּראַכן זײַנען ייִדיש, ראָמיש (ראָמאני שיב), סאַמיש, פֿיניש און מעענקעלי.

**אַלע נאַציאַנאַלע שפּראַכן וועלן געשיצט און געשטיטסט ווערן.**
דאָס געזעץ זאָגט אַז די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטס־שפּראַכן וועלן געשיצט און געשטיטסט ווערן. ווער געהערט צו אַ נאַציאָנאַלער מינאָריטעט וועט האָבן דאָס רעכט צו לערנען, אַנטוויקלען און ניצן די אייגענע מינאָריטעטס־שפּראַך. די מאַכטאָרגאַנען וועלן צוהערן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און זאָרגן פֿאַר זײַערע באַדערפֿענישן. די מאַכטאָרגאַנען זײַנען פֿאַרפֿליכטעט צו אינפֿאָרמירן וועגן דײַנע רעכט, נישט אָפּהענגעדיק וועלכע מינאָריטעטס־שפּראַך דו רעדסט און ווו דו וווינסט אין שוועדן.

ספּעציעל שטאַרקע רעכט האָבן די וואָס רעדן פֿיניש, מעענקעלי אָדער סאַמיש און וווינען אין איינער קאָמונע געהערנדיק צו אַ פֿאַרוואַלטונגס־באַצירק. נידריקער אוף דער זײַט קענסטו זען אויב דײַנע קאָמונע געהערט צו אַ פֿאַרוואַלטונגס־באַצירק. אָב דו וווינסט אין אַ קאָמונע געהערענדיק צו אַ פֿאַרוואַלטונגס־באַצירק האָסטאו אַ רעכט צו פֿאַרשטענדיקן זיך מיט די מאַכטאָרגאַנען אויף דײַן שפּראַך. דו קענסט פֿאָדערן אַן ענטפֿער מונטלעך אָדער שריפֿטלעך אין דער זעלבער שפּראַך.

דו קענסט פֿאָדערן אַז די זאָרג פֿאַר אַלטע און קינדער זאָלן לגמרי אָדער טיילווײַז זײַן אויף פֿיניש, מעענקעלי אָדער סאַמיש.

וווינסטו אין די קאָמונען קירונאַ, יעליוואַרע, אַריעפּלוג, יאָקמאָק, האַפּאַראַנדאַ, פּײַאַלאַ אָדער איבערטאָרנעאָ האָסטו אַ רעכט צו באַנוצן די מינאָריטעטס־שפּראַך אין די קאָנטאַקטן מיטעם געריכט.

וווינסטו אין אַ קאָמונע אויסערן פֿאַרוואַלטונגס־באַצירק וועסטו אויך קענען קאָנטאַקטירן די מאַכטאָרגאַנען און דו האָסט דאָס רעכט צו זאָרג פֿאַר אַלטע אויף פֿיניש, מעענקעלי אָדער סאַמיש, אויב דאָרטן געפֿינען זיך פּערסאָנאַל וועלכע רעדן די

שפּראַך. די מאַכטאָרגאַנען דאַרפֿן שאַפֿן פּערסאָנאַל וועלכע קענען די שפּראַך.

אומאָפּהענגיק ווו דו וווינסט ועסטו אַלע מאָל קענען שרײַבן אויף פֿיניש, מעענקעלי אָדער סאַמיש צו די אָמבודסמענער פֿונעם פּאַרלאַמענט, דעם יוסטיציע־קאַנצלער, דער פֿאַרזיכערונגס־קאַסע, דעם שטײַעראַמט און דעם אָמבודסמאַן קעגן דיסקרימינירונג.

**אַהער קענסטו זיך ווענדן**
מיינסטו אז דײַנע קאָמונע אָדער אַנדערע אינסטאַנצן פאָלגן נישט דעם געזעץ קענסטו קאָנטאַקטירן מיט Länsstyrelsen i Stockholms län אָדער Sametinget וועלכע זײַנען פֿאַראַנטוואָרטלעך צו פֿאָלגן דעם געזעץ. סאַמעטינגעט איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר סאַמיש און פאַר די איבריקע שפּראַכן.

**Enheten för minoritetsfrågor vid Länsstyrelsen i Stockholms län**
טלפ 08-785 40 00

**Sametinget**
טלפ 0980-780 30

**דאָ קענסטו לייענען מער**
דאָ קענסטו וויסן מער וועגן דײַנע רעכט:
פֿאקטן וועגן דאָס רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן
וועבזײַטל פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן
וועגן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אויף דעם וועבזײַטל Tema modersmål פֿון Skolverket
וועגן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אויף דעם וועבזײַטל פֿון Språkrådet
דאָס געזעץ וועגן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און מינאָריטעטס־שפּראַכן
אינעם בראָשור פֿון Skolverket וועגן דעם רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין דער שולע.

**פֿארוואַלטונגס־באַצירקן פֿאַר פֿיניש, מעענקעלי און סאַמיש**
דאָ קענסטו זען וועלכע קאָמונען געהערן צו די פֿאַרשיידענע פֿאַרוואַלטונגס־באַצירקן. אַנדערע קאָמונען קענען זיך אײַנרייסטערן צו געהערן אין אַ פֿאַרוואַלטונגס־באַצירק.

**דער פֿאַרוואַלטונגס־באַצירק פֿאַר פֿיניש**
באָרלענגע, באָראָס, בוטשירקאַ, עסקילסטונאַ, פֿינספּאָנג, יעוולע, יעטעבאָרג,

האַפּאַראַנדאַ, האַלסטאַהאַמאַר, האַנינגע, הופֿאָש, הודינגע, האָבו, העלעפֿאָש, יעליוואַרע, קאַליקס, קאַרלסקוגאַ, קירונאַ, טשעפּינג, לינדעסבערג, לולעאָ, מוטאַלאַ, נאָרטשעפּינג, נאָרטעליע, פּיַאַלאַ, סאַנדוויקען, סיגטונאַ, שינסקאַטעבערג, שעוודע, סאָלנאַ, סונדביבערג, סוראַהאַמאַר, סעדערטעליע, טיערפּ, טראָלהעטאַן, שטאָקהאָלם, אודעוואַלאַ, אופּלאַנדס־בראו, אופּלאַנדס־וועסבי, אופּסאַלאַ, אומעאָ, וועסטעראָס, עלווקאַרלעבי,ענטשעפּינג, ערעברו, עסטעראָקער, עסטהאַמאַר , און עווערטאָרנעאָ.

**דער פֿאַרוואַלטונגס־באַצירק פֿאַר סאַמיש**
אַריעפּלוג, אַרווידסיאַור, בערג, דאָראָטעאַ, העריעדאַלען, יאָקמאָק, יעליוואַרע, קירונאַ, קרוקאָם, ליקסעלע, מאלאָ, סאָרסעלע, סטורומאַן, סטרעמסונד, אומעאָ, ווילהעלמינאַ, אָרע, עלוודאַלען און עסטערסונד.

**דער פֿאַרוואַלטונגס־באַצירק פֿאַר מעענקעלי**
יעליוואַרע, האַפּאַראַנדאַ,קאַליקס, קירונאַ, פּיַאַלאַ, און עווערטאָרנעאָ.